בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

עקב
כ' אב תשפ"ד

גליון מס': צז
שנה ב'

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:38 |
| מוצש"ק | 7:50 |
| ר"ת | 8:30 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:37 | סוז"ת א' | 9:58 |
| סוזק"ש ב' | 9:23 | סוז"ת ב' | 10:29 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

## טיב הפרשה

# די מצוה פון אהבת ה' דורך התבוננות

## ואהבת את ה' אלקיך

אין די קומענדיגע וואכן לערנען מיר די פרשה'ס פון משנה תורה. כידוע זענען די פרשה'ס מלא וגדוש מיט דברי תוכחה, מיט דברי מוסר, וועלכער מיר האבן געהערט פון משה רבינו, דער רבן של ישראל.

אז מען וועט צולייגן קאפ און זיך מתבונן זיין אין די ווערטער וועט מען זען אז מער ווי זיי זענען שטראף רייד איז עס ווערטער וואס זענען מעורר דעם אידישן הארץ, עס ברענגט אריין אין א איד ווארעמקייט, ליבשאפט צו הקב"ה, אז ער זאל ליב האבן די תורה, די מצוות און זיין איינס מיט זיי.

אין די תורה איז דא אסאך מצוות, אבער עס איז דא מצוות וואס זענען דער יסוד פון א איד. אויך די מצוה פון אהבת ה', פון ליבהאבן הקב"ה און די תורה, איז א מצוה וואס איז א יסוד, אז אויף איר שטייט די אידישקייט.

כידוע האט דער הייליגער חינוך אויסגעוועלט פון די תורה זעקס מצוות וואס די מצוות זענען מצוות תמידיות, דאס הייסט אז די מצוות גייען אן שטענדיג, צווישן זיי איז אויך דא די מצוה פון אהבת ה' – ליב האבן הקב"ה.

מער בהרחבה ווערט די מצוה אראפגעברענגט אין ביאור הלכה אנהייב פון דעם ערשטן סימן אין שלחן ערוך. דארט געבט ער ארויס די מצוה מיט אן אויסטערלישע קלארקייט און מיר ציטירן דא זיינע ווערטער, ווייל אז מען וועט זיך מתבונן זיין אין די לשון וועט מען קענען ארויסנעמען און דערהערן ווי קריטיש די מצוה איז.

פאלגענד איז זיין הייליגער לשון: וז"ל: המצוה הד' [פון די זעקס מצוות] - לאהוב המקום ברוך הוא שנאמר ואהבת את ה' אלהיך וגו', וכיצד יגיע האדם לאהבה הוא ע"י התורה, וכדאיתא בספרי: לפי שנאמר ואהבת איני יודע כיצד לאהוב את המקום תלמוד לומר והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך, שמתוך כך אתה מכיר את מי שאמר והיה העולם, כלומר שע"י ההתבוננות בתורה יכיר את גדולתו של הקב"ה שאין לו ערך ולא קץ ותתיישב האהבה בלבו בהכרח.

וענין המצוה שיראה האדם להשים כל מגמתו וכל מחשבתו אחר אהבת הש"י ויעריך בלבו כי כל מה

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם

איינער פון גדולי ישראל האט געזאגט, אז אין די שבתות און ימים טובים און אזוי אויך אין אנדערע צייטן ווען די קינדער געפינען זיך אינדערהיים, איז די פאסיגע צייט מחנך צו זיין די קינדער אין אזעלכע זאכן וואס אין געווענליכע טעג אינמיטן יאר געלונגט אונז נישט איינציווארצלען אין זייער הארץ, אבער אין אזעלכע צייטן ווען די קינדער געפינען זיך נאנט צו די עלטערן, קוקן זיי נאך וויאזוי די עלטערן דאווענען, און זיי זעען צו זייער התנהגות, און זעלבסטפארשטענדליך אז זיי לערנען זיך פון זיי, און אזוי ווי זיי זעען ביי די עלטערן אזוי וועלן זיי אליין זיך פירן ווען זיי וועלן גרויס ווערן.

די תורה זאגט 'וְהָיָה אִם שָׁמֹעַ תִּשְׁמְעוּ.. וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם', און רש"י איז מפרש 'עֲבוֹדָה שֶׁהִיא בְּלֵב, זוֹ הִיא תְּפִלָּה, שֶׁהַתְּפִלָּה קְרוּיָה עֲבוֹדָה', און וואס שטייט נאכדעם 'וְנָתַתִּי מְטַר אַרְצְכֶם.. וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ', זעען מיר אז די תורה איז מבטיח אלע גוטע ברכות פאר דער וועלכער איז מקיים דעם 'וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם', דאס הייסט פאר דער וועלכער דאוונט אזוי ווי עס דארף צו זיין, און ווי גרויס איז די ברכה וואס איז באהאלטן אין די דאזיגע זאך, ווייל דער וואס דאוונט אזוי ווי עס דארף צו זיין, דהיינו אז ער דאוונט די דריי תפילות יעדן טאג בציבור, און איז מקפיד צו קומען פון אנהייב דאווענען ביז צום סוף דאווענען, און איז מדקדק אין די ווערטער און אין די הלכות פונעם דאווענען, איז זיין ברכה גרויס אן א שיעור און זיין פרנסה איז אים פארזיכערט מיט גרויס שפע.

עס איז באוואוסט אז דאס איז איינס פון די זאכן וואס מורינו ורבינו שליט"א שרייט דערויף מיט זיין גאנצן כח, און ער בעט אלעמאל אז קיין שום מענטש זאל נישט דערלייגן תפילה בציבור פאר קיין שום סיבה, אזוי ווי ער האט געזאגט אז די גאנצע הצלחה פונעם מענטש איז געהאנגען אין די דאזיגע זאך. עס זענען דא מענטשן וועלכע איילן זיך ביים דאווענען און יאגן זיך צו זייער ארבעט כדי צו דערגרייכן נאך געלט, און זיי ווייסן נישט אז דערמיט וואס זיי איילן זיך און גייען ארויס פון דאווענען איידער מען ענדיגט, מאכן זיי אליין שאדן זייער פרנסה, און אלע זייערע אנשטרענגונגען וועט זיין אומזיסט.

דאס איז אלעמאל ריכטיג, און איבערהויפט אין די טעג וואס די ישיבה לייט געפינען זיך אינדערהיים, די קינדער צוזאמען מיט די עלטערן, אן די באשטימטע סדרים און די מסגרת וואס פאדערט, איז דאס די פאסיגע צייט אז יעדער איינער זאל איינווארצלען ביי זיך אין הארץ און אין די הערצער פון זיינע קינדער די געוואלדיגע הקפדה וואס מען דארף מקפיד זיין אויף די תפילות, אז זיי זאלן זיין כסדרם, מיט א מנין, געדולדיג און מיט כוונה. דא איז פאסיג צו ברענגען דאס וואס מורינו רבינו שליט"א האט געזאגט, אז דער וועלכער איז מקפיד אויף תפילה בציבור, דער האט א שמירה עליונה אז ער זאל נישט געשעדיגט ווערן, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, און עס איז זיכער אז אין אזעלכע טעג וויל יעדער איינער האבן א שמירה אז ער זאל נישט געשעדיגט ווערן פון די טרעפונגען פונעם גאס, און אויך נישט פון די שונאי ישראל וועלכע שטעלן זיך קעגן אונז, האבן מיר דא די גרעסטע שמירה וואס טראגט מיט זיך אויך א ברכה פאר פרנסה.

(עפ"י טיב התורה – עקב)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

שיש בעולם מעושר ובנים וכבוד הכל הוא כאין נגד אהבתו ית' וייגע תמיד בבקשת חכמת התורה למען ישיג ידיעה בה'. והקובע את מחשבתו בעניינים הגשמיים ובהבלי העולם שלא לש"ש רק להתענג ולהשיג כבוד ביטל עשה זו ועונשו גדול ע"כ.

אין זיינע ווערטער געבט דער הייליגער משנה ברורה ארויס די מצוה און אויך ווי אזוי א איד קען און דארף אנקומען צו איר, אז דורך התבוננות קען מען אנקומען צו איר.

דער אמת איז אז ווען מען איז זיך מתבונן ווי קריטיש די מצוה איז און ווי גרויס עס איז דער דגש וואס די תורה הק' לייגט אויף איר און אז עס איז דא אן עקסטערע ציווי אז מען זאל איבערחזר'ן די מצוה, אז מען זאל איר ארויפלייגן סיי אויף די מזוזה ביים טיר, אריינשרייבן אין די תפילין, קומט מען אן צו די מסקנא אז דאס איז א מצוה פון די יסודות פון אידישקייט און אויך אז עס איז א מצוה וואס איז נוגע צו יעדן איינעם, פון דער גרעסטער ביז צו דער קלענסטער איד אויף די וועלט.

עס קען נישט זיין אנדערש, עס איז אוממעגליך אז אזא מצוה זאל נישט מחייב זיין יעדן איד און אז די עצה דערצו איז די דערמאנטע עצה פון התבוננות, אז מען זאל זיך מתבונן זיין און דורך די התבוננות וועט מען אנקומען צו אהבת ה', ווייל אינעווייניג אין יעדן איד באהאלט זיך א פינטל פון אהבת ה'.

אין א צווייטער ארט אין משנה ברורה [סימן כ"ה סקי"ד] ברענגט דער מחבר אראפ בשם דער בעל החרדים אז ווען א איד זאגט 'ואהבת את ה' זאל ער אין יענער צייט אריינברענגען אהבת ה' אין זיין הארץ, אז ער זאל חלילה נישט זיין א דובר שקר ח"ו.

אויף א ברייטערע און א קלארערע פארנעם געבט ער ארויס אין זיין ספר שמירת הלשון [סוף ח"ב ביי די חתימה פון דער ספר] וואו ער שרייבט ווי פאלגענד: ולכאורה פשוט דה"ה כשאומר ואהבת את ד' וגו' יראה להכניס אהבת ד' בלבו, והיינו כמש"כ בחוה"ל שער אהבת ד' (פ"ג) שיתבונן בגדולת הבורא ורוממותו [שהוא מחיה כל העולמות], ובהיפוך קטנות ערך נפשו וזעירותו וזולתו, ואח"כ יכיר רוב טוב הבורא עליו בהתמדת טובתו מיום היותו על הארץ לא לפי מעשיו וכו'. ואם קשה לו לכוין כ"ז בעת ק"ש, יראה להתבונן בכ"ז עכ"פ פעם אחת ביום, וכי בשביל שהיא מצוה תדירית שאינה תלויה בזמן כידוע, תהיה נגרעת שלא יראו לקיים אותה עכ"פ פ"א ביום. וטוב שיראה להתבונן בזה אחר התפלה קודם שיכנס לביתו לאכול, דומיא דשאר מצוות המוטלות על האדם, כמו תפילין או ד' מינים בסוכות שאינו אוכל קודם שמקיימן וכו' עכ"ל.

דער געדאנק פון זיך מרגיל זיין און אז דאס וועט עווענטועל [במשך הזמן] צופירן אז דער מענטש וועט דערגרייכן די דרגה שרייבט אויך דער הייליגער ר' אלימלך זי"ע אין דער צעטיל קטן און מיר ציטירן דא זיינע הייליגע ווערטער: בכל הדברים שבעולם הן בתורה הן בתפלה הן במצות מעשיות ירגיל את עצמו לומר בזה הלשון: הריני עושה זאת לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה לעשות נחת רוח להבורא יתברך שמו, וירגיל את עצמו לומר זאת בתוכיות ופנימיות הלב ובהמשך הזמן ירגיש הארה גדולה באמירה זו, ע"כ.

דער צדיק געבט די עצה און פירט אויס אז אויב א איד וועט זיך איינגעוואוינען צו זאגן מערערע מאל די ווערטער "לעשות נחת רוח ליוצרי", איז אפילו אויב אין אנהייב וועט עס נישט אריינגיין ביי אים שטארק אין די ביינער, אבער מיט די צייט וועט ער שפירן דערביי א גרויסע הארה און ער וועט נהפך ווערן לאיש אחר, ווייל די ווערטער האבן א כח, זיי זענען משפיע אויפ'ן מענטש, ער זאל זיך טוישן.

נישט נאר וועט די מצוה געמאכט ווערן אנדערש, נאר אויך וועט עס געמאכט ווערן פול מיט חשק, פול מיט שמחה, מיט תענוג, און עס וועט אים צוברענגען אז ער זאל מקיים זיין די תורה בשלימות.

דער אמת איז אז ווען מען איז זיך מתבונן אז מיר האבן אזא גרויסע זכיה מקיים צו זיין די מצוות, און אז א מענטש וועלכער קומט פון אזא נידריגע ארט אויף די וועלט האט די זכיה צו דינען אזא גרויסע בורא, וואלט די מחשבה אליין געדארפט אנצינדן די התלהבות פון א מענטש, אז ער זאל זיין גרייט צו טון אלעס אויף די וועלט פאר'ן בורא כל העולמים.

משל למה הדבר דומה, ווען א גרויסער רבי בעט פון א איד א קלייניגקייט. עס איז זיכער אז דער איד וועט לויפן אויסצופירן די בקשה, אפילו אז ער ווייסט קלאר אז ער גייט גארנישט צוריקבאקומען פאר איר, דאך וועט ער זיך נישט אפהאלטן פון עס אויספירן, ווייל ער וויל באוויליגן דעם רצון פון דער צדיק.

עס איז פשוט אז אויב מיר האבן אזא געפיל ווען עס רעדט זיך פון אויספירן דער רצון פון א גרויסן צדיק, איז זיכער אז אויף אסאך א גרעסערע פארנעם דארפן מיר האבן די הרגשה ווען עס קומט צו טון דעם רצון ה'.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל זוכה זיין דערצו און אויספירן דער רצון ה' מתוך שמחה, פון אהבה און נתקרב ווערן צו הקב"ה מיט אן אמת.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

# א פארשלאסענער קאר

מיט קאפ און מח האבן מיר זיך יענער יאר געגרייט צו אונזער רייזע אין קאנטרי.

דער פלאן איז געווען צו רייזן פון די שטאט מיניאפאליס צו שיקאגא, א וועג פון זיבן שעה און פון דארט זענען מיר ממשיך נאך צוויי שעה קיין מישיגען, וואו מיר האבן געהאט אונזער זומער אפרו ארט.

עס איז געווען א גרויסע רייזע, און אז די קינדער זאלן זיין באקוועם האב איך געבארגט א גרויסער קאר פון מיין חבר. מיר זענען אפגעפארן א שטיק וועג און אינמיטן וועג האבן מיר זיך אפגעשטעלט ביי א גאז סטאנציע.

נאכ'ן כאפן אביסל פרישע לופט און זיך אויסציען די ביינער זענען מיר צוריק צו די קאר, אבער דא האבן מיר זיך באגעגנט מיט א שווערע מציאות, דער קאר איז געווען פארשלאסן.

רוב קארען האבן די זעלבע שליסל פאר די מאטאר און פאר די טירן. אויך מיין פערזענליכער קאר האט אזא שליסל. ווען איך בין ארויס פון די קאר האב איך מיטגענומען די מאטאר שליסל אבער די די טיר שליסל האב איך בטעות געלאזט אינדרויסן.

די פארלעגענהייט איז געווען גרויס. מען האט ארומגעפרעגט באקאנטע ווי אזוי מען קען עפענען די איר, אבער קיין איינער האט נישט געהאט קיין אנונג.

זעענדיג אז עס גייט נישט האבן מיר געפרעגט פון דורכרייזענדע, אבער קיין איינער האט נישט געהאט קיין אנונג ווי אזוי מען געבט זיך אן עצה מיט די זאך.

מיר האבן מתפלל געווען, און מיטאמאל איז געקומען צוגיין א מענטש. הערנדיג פון וואס עס רעדט זיך האט ער געבעטן אז מען זאל אים צולאזן, ווייל ער קען ארויסהעלפן די סיטואציע.

מיר האבן אים צוגעלאזט, אין א האלבע מינוט האט ער גענעבן אן עפן אויף די קאר, אין א וועג אז עס איז נישט געבליבן קיין שום שאדן פאר קיינעם. ווען מיר זענען שוין אלע געזעסן אין די קאר האט ער אונז דערציילט אז ער איז א פראפעסינאלער אויפברעכער און אז דאס טוט ער פאר פרנסה.

הערנדיג דאס האבן מיר אים געאפפערט א באצאלונג אבער ער האט נישט געוואלט נעמען.

"מיין באצאלונג איז אז איך זעה צו ווי אזוי איר דאוונט צו אייער גרויסער באשעפער און ער ענטפערט אייערע תפילות, ער שיקט אייך אונטער א גוטער שליח וועלכע זאל ענק קומען צו הילף אים יעדן פלאנטער".

מיר האבן זיך באדאנקט פאר אים און פאר'ן גרויסן באשעפער פאר'ן שיקן דעם שליח און מיר האבן ממשיך געווען מיט אונזער וועג.

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

## "לְאַהֲבָה אֶת ה' אֱלֹקֵיכֶם, לָלֶכֶת בְּכָל דְּרָכָיו, וּלְדָבְקָה בוֹ" יא, כב

ערקלערט דער ריקאנטי, ווי פאלגנד: "הַדְּבֵקוּת הִיא שֶׁלֹּא תִּפָּרֵד מַחֲשַׁבְתּוֹ לְעוֹלָם מִן הַבּוֹרֵא, בְּלֶכְתּוֹ וּבְשָׁכְבּוֹ וּבְקוּמוֹ עַד שֶׁיִּהְיוּ דְּבָרָיו עִם הַשֵּׁם תָּמִיד. וְהָאֲנָשִׁים שֶׁיֵּשׁ בְּעַצְמָם מַעֲלָה זֹאת הֵם עַצְמָם מָכוֹן לַשְּׁכִינָה, כִּי הִיא הוֹלֶכֶת עִמָּהֶם, וְאַף בְּחַיֵּיהֶם צְרוּרִים בִּצְרוֹר הַחַיִּים. און דער חכם רבי עזרא שרייבט (זע אבן עזרא הארוך שמות ג-טו, ו-ג): 'וּבוֹ תִדְבָּקוּן' (לעיל יג, ה). וְזֶה כְּלַל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה לַתְּפִלָּה וְלַבְּרָכוֹת, לְהַסְכִּים מַחְשַׁבְתּוֹ בֶּאֱמוּנָתוֹ כְּאִלּוּ דְּבוּקָה לְמַעְלָה, לְחַבֵּר אֶת הַשֵּׁם בְּאוֹתִיּוֹתָיו, וְלִכְלֹל בּוֹ עֶשֶׂר סְפִירוֹת, כְּשַׁלְהֶבֶת קְשׁוּרָה בְּגַחֶלֶת בְּפִיו, וְיִזְכְּרֶנּוּ בִּכְתָבוֹ, וּבִלְבָבוֹ יִזְכְּרֶנּוּ, סִימָן לְדַבֵּר 'אֱמֹר לַחָכְמָה אֲחֹתִי אָתְּ' (משלי ז, ד) וגו'.

די מצוה פון דביקות איז זייער א יסודות'דיגע מצוה אינעם עיקר תכלית אויף די וועלט, וואס דאס איז: "לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ". א איד דארף וויסן, אז ביי יעדע מעשה און פעולה וואס די השגחה עליונה האט אנגעגרייט אין זיין וועלט, אז ער טוט עס וויבאלד אזוי איז דער רצון השם! – אזוי ווי ווען מען גייט און ווען מען האנדלט א.א.וו., און אוודאי ביי יעדע פעולה פון א מצוה און ביים לערנען תורה, זאל מען געדענקען אז מען טוט דאס נישט פאר די אייגענע הנאה וויבאלד מען האט פארגעניגן דאס צו טון, ווייל די תכלית אויף די וועלט איז נישט אז מען זאל זיך אנפילן דער בויך מיט ש"ס ופוסקים כדי ער זאל ווערן גרויס, נאר כדי צו טון דערמיט נחת רוח פארן הייליגן באשעפער.

ווען איך בין געווען אמאל ביי א באזוך אינעם הויז פון אבי מורי ורבי הגה"צ זצ"ל, האט ער מיר נאכגעזאגט אין נאמען פונעם הייליגן חפץ חיים זצוק"ל, אז ווער עס פארט פון איין ארט צום אנדערן און ער באצאלט פארן בעל-עגלה [און היינטיגע צייטן – פארן דרייווער] די געלט פאַרן פאָרן אזוי ווי אלע רייזנדע, איז ער נישט מקיים דערמיט קיין שום מצוה, וויבאלד ער איז נאר ווי א מִתְעַסֵּק. אבער אויב ער וועט טראכטן דערביי אז ער וויל דערמיט מקיים זיין די מצוה פון "בְּיוֹמוֹ תִתֵּן שְׂכָרוֹ" (דברים כד, טו), איז ער מקיים דערמיט א מצות עשה דאורייתא!

אזוי אויך ביי אנדערע וואכעדיגע פעולות, וועלכע זענען געווענליך נישט קיין מצוה, פונדעסטוועגן אויב לייגט מען צו כוונה בלויז במחשבה, ווערט עס פארוואנדלט אין א מצוה. צום ביישפיל, ווען איינער קלאפט אין טיר און מען גייט צו און מען עפנט עס, אדער ווען דער טעלעפאן קלינגט און מען הייבט אויף, איז אויב וועט מען סתם עפענען די טיר וויבאלד מען האט געקלאפט... און מען וועט אויפהייבן דעם טעלעפאן ווייל מען האט געקלינגען... אדער צוליב זיין נייגעריגקייט... האט ער דאך גארנישט געטון. – אבער אויב מען וועט טראכטן אז מען וויל טון די מצוה פון "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ" (ויקרא יט, יח), וועלנדיג העלפן א איד, איז מען מקיים דערמיט א מצוה דאורייתא, און אזוי איז אויך ביי יעדער זאך.

דאס איז אויך געזאגט געווארן ביים עסן און טרינקען, אז מען זאל טראכטן פון די מצוה פון "וְנִשְׁמַרְתֶּם מְאֹד לְנַפְשֹׁתֵיכֶם" (דברים ד, טו), און ווען מען טוט גשמיות'דיגע פעולות זאל מען טראכטן איבער די מצוה פון (משלי ג, ו) "בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ", אזוי ווי עס שטייט אין שולחן ערוך (או"ח סי' רל"א), זע דארט.

## וּלְדָבְקָה בוֹ

אין א געלעגנהייט, איידער איך בין געפארן זיך צו באטייליגן ביי א 'שבת מירון' בצילא דרשב"י זי"ע, האט מיר אבי מורי ורבי זצ"ל געבעטן צו מעורר זיין דעם ציבור איבער די מצוה פון דביקות, אז מען זאל זיך צוגעוואוינען שטענדיג ארייננצוטראכטן וואס פונקטליך וויל דער אויבערשטער פון מיר, און ביי יעדער זאך זאל מען אינזינען האבן צו מאכן א נחת רוח פאר אים. – נאכפאלגנדיג די דאזיגע דרשה אין מירון, האבן עטליכע יונגעלייט צוגעגעבן, אז אט די דרשה אליין איז א גוטער ביישפיל דערצו, ווייל וויבאלד איך האב באמערקט אז איך בין מעורר דערויף לויטן פארלאנג פון מיין טאטע, קומט אויס אז איך בין יעצט דא מקיים נאך א מצוה פון כיבוד אב, אויסער די דרשה אליין.

• • •

הגה"ח רבי שבתי ווינדער זצ"ל, איז געווען א מוסטער פון א געוואלדיגער תלמיד חכם און צדיק תמים, ער איז געווען א שטיק דביקות אין די תורה און דביקות אינעם אויבערשטן, זיין גאנצן מציאות איז געווען תורה און עבודה, און ער האט נישט געהאט קיין שום שייכות צו די וועלטליכע זאכן.

אין א געוויסע תקופה, איז רבי שבתי געגאנגען אנגעטון מיט אן אלטע אפגריבענע הוט, ווייל צוליב זיין גרויסן דביקות האט ער קיינמאל נישט אכט געלייגט אויפן פארעם און אויסזען פון זיין הוט... און אזוי פלעגט ער עס יעדן מאל לייגן אויף זיין קאפ אין אן אנדער וועג... ביז זיין הוט האט פארלוירן איר שיינקייט און גלייכקייט, און מען האט נישט דערקענט וועלכע זייט איז פון פארנט און וועלכע פון אונטן, וואו איז די רעכטע זייט און וואו איז די לינקע זייט...

איינמאל, האט אים איינער פון די בני הקהילה געפרעגט: פארוואס קויפט זיך נישט דער רבי א נייע הוט, ווי עס פאסט פאר אזא חשוב'ער רב און תלמיד חכם? דערביי האט דער איד אויך ערקלערט אז אויב דער רב וועט ערשיינען אויף א מכובד'יגן וועג, וועט ער קענען האבן א בעסערע השפעה אויפן יונגן דור, אויב אזוי – פארוואס גייט ער מיט אזא אלטע הוט?

האט אים רבי שבתי ערקלערט: אוי וויי איז צו מיר, אויב מיין קאפ וועט ליגן אינעם הוט – ווער ווייסט וואס וועט דעמאלטס ארויסקומען פון אט דעם רבי שבתי...?

[מיינענדיג – אז אויב דער קאפ וועט אלעמאל טראכטן וויאזוי עס זעט אויס די הוט וואס דעקט אים צו, קומט אויס אז נישט דער הוט באדינט דעם קאפ, נאר דער קאפ באדינט דער הוט... אויב וועט ער זיך לאזן פון די דרויסנדיגע נארישקייטן, איז ער אימשטאנד איינגאנצן צו פארגעסן דער תכלית און פליכט אויפן וועלט!].

• • •

א מעשה נורא וואס אבי מורי ורבי זצ"ל האט דערציילט:

די אידן פונעם שטעטל 'ראדין', דער וואוינארט פונעם הייליגן חפץ חיים זצוק"ל, האבן געוואוינט אונטערן שאטן פון אט דעם גרויסן און הייליגן צדיק בשלום ובשלוה, דאס מערסטע פון די איינוואוינער זייענדיג יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים און שומרי תורה ומצוות.

ליידער איז אבער געווען א יוצא מן הכלל. איינער פון די איינוואוינער פון די שטאט ראדין, איז באוואוסט געווען אלס א מחלל שבת, לא עלינו! – די אנדערע מצוות האט ער דווקא יא מקיים געווען אזוי ווי עס דארף צו זיין, און ער האט אפילו געהאלטן א קליין גמ"ח און פארבארגט קליינע געלט-סומעס פאר די בני הקהילה, אבער אין שמירת השבת האט ער מזלזל געווען. זייענדיג אן אפטייקער, וועלכער איז געווען דער בעל הבית פונעם איינציגן אפטייק אין שטעטל, האט ער באשלאסן אויף די אייגענע האנט, אז זיין אפטייק איז 'דוחה שבת'... די רַבָּנֵי וְחַכְמֵי הָעִיר האבן אים מעורר געווען דערויף, ערקלערנדיג אז עס איז נישט ערלויבט אויף קיין פאל, און דעריבער וועט דער 'אפטייק' דארפן בלייבן פארמאכט אום שבת, און ער קען האלטן וויכטיגע מעדעצינען אין זיין הויז, כדי אויב מען דארף עס אום שבת זאל מען עס קומען נעמען ביי אים אינדערהיים. – דער אפטייקער האט אבער נישט צוגעשטימט דערצו, נאר איז געבליבן פאר'עקש'נט צו האלטן אפן זיין געשעפט אום שבת קודש, רחמנא ליצלן.

און איין טאג האט דער דאזיגער איד זוכה געווען צו גאר א חשוב'ער באזוך ביי אים אינדערהיים. דאס איז געווען נישט קיין אנדערער ווי דער רבן של ישראל, דער הייליגער חפץ חיים וועלכער איז שוין דעמאלטס געווען אויף דער עלטער, און האט זיך ארויסגעלאזט א טריט נאך א טריט, ביז ער איז אנגעקומען צום וואוינונג פון דער ראדינער אפטייקער.

דער אפטייקער איז זייער ערשטוינט געווארן, זעענדיג צו וועלכער חשוב'ער באזוך ער האט זוכה געווען [שטעלט אייך פאָר, אז דער הייליגער סטייפלער אדער דער הייליגער בעלזער רב, זכרון צדיקים לברכה, וואלט פלוצלונג געקומען אויף א באזוך ביי אייך אינדערהיים]...

נאכדעם וואס דער חפץ חיים איז אריינגעקומען ביי אים אין הויז און זיך אוועקגעזעצט, האט ער מיט א שמייכל זיך אנגערופן בְּמֶתֶק לְשׁוֹנוֹ: איך האב מיך מטריח געווען אהערצוקומען, כדי דיר צו זאגן, אז איך בין דיר מקנא!

דער איד האט נישט געקענט באהאלטן זיין וואונדער: מיט וואס קען דען דער רבי מיר מקנא זיין? – אינדערצייט וואס גאנץ כלל ישראל ציטערן פון וואס דער רבי זאגט ארויס פון מויל, מיט וואס קען דען דער צדיק הדור מקנא זיין אין אזא פשוט'ער איד ווי מיר?

האט אים דער הייליגער חפץ חיים ערקלערט: דו האסט דאך דא אין שטאט א חשוב'ע 'אפטייק', וואו דו שטעלסט צוזאם פארשידענע מעדעצינער, דערמיט ברענגסטו היילונג פאר פילע אידן. דעריבער בין איך דיר מקנא! וויבאלד דו טוסט דאס דאך לשם שמים, און דו היילסט אויס אידן כדי זיי זאלן קענען לערנען תורה און דינען דעם אויבערשטן און מקיים זיין זיינע מצוות, ווייל דאס איז דער רצון השם יתברך וואס ער וויל פון דיר, און דו ברענגסט אים נחת רוח!

און לויט דעם האב איך

המשך אין עמוד ד' >

געמאכט א פשוט'ער חשבו, אז אסאך תורה ומצוות פון פילע מענטשן, וועלכע עקזיסטירן דורך דיינע מעדעצינען, איז אין דיין זכות! וויבאלד דורך דיינע מעדעצינען האסטו זיי געראטעוועט פון זייער קרענק! און דעריבער בין איך דיר מקנא!

דער חפץ חיים האט אים ווייטער געפרעגט: איך האב געהערט, אז איר האלט אויך א 'גמ"ח' צו פארבארגן געלט?

ריכטיג – האט ער געענטפערט, און גלייך האט ער צוגעגעבן: אבער נישט פאר קיין גרויס געלט, נאר ווי עס זעט אויס, העלפן אויך די קליינע סומעס פאר אסאך אידן דא אין שטעטל, וועלכע קלאפן דא אריין טאג טעגליך און בעטן א הלוואה!

האט דער חפץ חיים ווייטער געזאגט: און מסתמא טראכסטו אויך דערמיט ביי יעדע הלוואה צו מקיים זיין די מצוה פונעם אויבערשטן וואס ער האט אונז באפוילן אין זיין תורה (שמות כב, כד) "אִם כֶּסֶף תַּלְוֶה וגו'" (ספהמ"צ עשין קצז), און אוודאי טראכסטו אויך דערפון אז דורך די מעשה החסד וואס דו העלפסט ארויס א איד ביסטו גורם א געוואלדיגע הנאה אויבן.

קומט אויס, אז עס זענען דא ביי דיר צוויי גאר געוואלדיגע מעלות אין וועלכע דו ביסט עוסק יעדן טאג, און דו טראכסט דערביי שטענדיג צו מאכן גרויס נחת רוח פארן אויבערשטן דערמיט! – און ממילא איז דא אסאך וואס דיר מקנא צו זיין!

דערמיט האט דער הייליגער תנא דער חפץ חיים געענדיגט זיין מאדנעם באזוך, און האט זיך צוריקגעקערט צו זיין הויז. – ווען פאר קיינעם געלונגט נישט אראפצוגיין לסוף דעתו, און פארשטיין וואס עס איז געווען דער ציל פונעם באזוך, און פארוואס האט זיך דער הייליגער צדיק מטריח געווען צו גיין ביזן הויז פונעם מחלל שבת, וועלכער האט געהאלטן אפן דעם איינציגן געשעפט אין ראדין אום שבת, און האט אים נאך אויסגעלויבט, און נאכדערצו זיך אויסגעדרוקט עטליכע מאל אז ער איז מקנא אין אים?

אבער אין א קורצע צייט ארום, איז געווארן א דראסטישע ענדערונג אין די הנהגה פונעם דאזיגן מענטש, און אצינד האט מען געזען אז די ווערטער וואס ער האט געהערט פונעם חפץ חיים ביים היסטארישן באזוך וואס ער האט געמאכט ביי אים אינדערהיים, האט אריינגעדרינגען אין די טיפענישן פון זיין מח און הארץ, און פון דעמאלטס האט ער אנגעהויבן שפירן און טראכטן ביי יעדן מאל וואס ער האט פארקויפט א מעדעצין אין געשעפט אדער ווען ער האט געגעבן א הלוואה אינעם גמ"ת, אז ער טוט דאס אלס די מצוה פון חסד, און איז גורם דערמיט גרויס נחת רוח פארן אויבערשטן! – נו, איז דען דאס א קלייניגקייט? עפעס וואס דער גרויסער צדיק און ריז פון דור איז מקנא אין אים???

ווען עס איז געקומען דער שבת קודש, און דער איד איז ארויסגעגאנגען נאכן דאווענען אין שול, און געוואלט עפענען זיין געשעפט ווי זיין שטייגער, האבן די מחשבות אנגעהויבן ארומלויפן ביי אים אין געדאנק, אהין און אהער, אז ער גייט זיך יעצט שטעלן פארקויפן מעדעצינען כדי צו מאכן דערמיט נחת רוח פארן אויבערשטן... אבער דא זענען פלוצלונג ארויפגעקומען די געדאנקען אין זיין הארץ, אז מעגליך ברענגט נישט דאס עפענען דעם געשעפט אום שבת קיין נחת רוח למעלה...? – ווייל אלע רבנים האבן דאך קלאר גע'פסק'נט אז דאס איז אנטקעגן דת תורתנו הקדושה, און אויב אזוי, אנשטאט אז ער זאל דערפרייען און באוויליגן דעם באשעפער, וועט ער אים אוודאי זייער ווי טון, און גורם זיין גרויס צער פארן הייליגן שבת!

דורך אט די מחשבות האט דער איד געפאסט זיין באשלוס, און פארשלאסן זיין געשעפט יעדן שבת קודש, אויף שלאס און ריגל!

מיט די צייט, איז אט דער ראדינער אפטייקער געווארן א געהויבענער מענטש און אויסגערופענער ירא שמים, און די ווערטער וועלכע דער הייליגער חפץ חיים האט איינגעווארצלט אין אים ביי זיי באזוך אין זיין הויז, האבן אים באגלייט פאר זיין גאנצן לעבן, אזוי אז ביי יעדער זאך וואס ער האט געטון האט ער נישט געקענט אויפהערן צו טראכטן אז ער טוט דאס בלויז לשם שמים. ביי יעדער זאך וואס איז אנגעקומען צו אים, האט ער גלייך געטראכט, וועלכע מצוה איז דא פארהאנען? **ער פלעגט שטענדיג מורמלען און זאגן "רֵיחַ נִיחוֹחַ לַה'"! נַחַת רוּחַ לְפָנַי שֶׁאָמַרְתִּי וְנַעֲשָׂה רְצוֹנִי! אום צום סוף איז ער געווארן פון די הויפט קעמפער אנטקעגן די מחללי השבת...**

און אבי מורי ורבי זצ"ל האט אויסגעפירט צו מיר זיין דערציילונג, אז די וועלכע האבן פריער נישט געקענט דעם איד און האבן נישט געוואוסט זיין פארגאנגענהייט, זענען זיכער געווען אז אט דער איד אין ראדין איז איינער פון די ל"ו צַדִּיקִים נִסְתָּרִים פונעם דור!

•••

מרן הגאון הצדיק רבי זונדל קרויזער זצ"ל בעל "אור החמה", פלעגט שטענדיג מעורר זיין איבערן חיוב פון דביקות, וואס א איד זאל טראכטן אין יעדער צייט פונעם רצון השם יתברך, און ער פלעגט מיר אלעמאל דערמאנען ביי יעדן ענין פון א מצוה: טראכט לִשְׁמָהּ!

א מענטש וואס די אמונה באלייכט אים זיין וועג און ער לעבט עס מיט אין אלע חושים, איז זיין גאנצע לעבנס-בליק גענצליך אנדערש ווי די השקפה פונעם המון-עם, און אין יעדער זאך טראכט ער און ער זעט דעם אמת'ן תכלית.

איך האב אמאל מיטגעהאלטן א שמחה צוזאמען מיט רבי זונדל, ווען נאנט צו אונז זענען געזעצן צוויי אידן און האבן געשמועסט איבערן ענין פון די שמחה, און איינער האט געזאגט פארן אנדערן אז דער עיקר פון אלעס איז אז מען זאל זוכה זיין צו זען נחת פון די קינדער!

ווען רבי זונדל האט געהערט די ווערטער, איז ער דערציטערט געווארן, און ער האט געזאגט צו מיר: דאס איז דאך אפיקורסות! דאס איז דען דער עיקר? אוודאי לעכצט יעדער איינער און קוקט אויס זוכה צו זיין צו נחת, און ער וויל אז עס זאל זיין **עולמך תראה בחייך**, אבער צו זאגן אז **דאס איז דער עיקר**? – דער עיקר איז דאך **לעשות נחת רוח לבורא יתברך שמו**, ווייל דאס איז דאך דער תכלית פארוואס מיר זענען געקומען אויף דער וועלט!

אזוי זעט אויס דער לעבן פון א **מאמין**, וואס אלע זיינע טעג זענען א לאנגע קייט פון דביקות אינעם לעבעדיגן באשעפער, און מען זעט דאס אין אלע וועגן פון זיין לעבן – זיין דאווענען איז אנדערש, זיינע ברכות זענען אנדערש, און אפילו גייענדיג אין גאס און זיך לייגנדיג שלאפן – איז אלעס אויסגעשטעלט לויטן רצון של מעלה.

אינעם לעצטן וואך איידער ער איז נסתלק געווארן לגנזי מרומים, האט ער זיך שוין געפינען אין גאר א שווערן מצב, און ער איז אזוי געלעגן אויפן בעט אינעם 'שערי צדק' שפיטאל, ווען זיין הייליגער קערפער האט כמעט נישט געטון פונקציאנירן! מערסטנס פון די צייט איז ער געשלאפן, און יעדער זאך וואס עס האט אויסגעפעלט פאר אים, איז געטון געווארן דורך די געטרייע בני המשפחה, וועלכע האבן נישט אפגעטרעטן פון זיין בעט אפילו פאר א רגע.

דא האט דער דאקטער געהייסן, אז מען זאל אים געבן אביסל צו טרינקען. האט זיין געטרייער זון גענומען גלאז טרינקען, און אריינגעלייגט דערין א 'שטרוי', און דאס אויבערשטע זייט האט ער אריינגעלייגט אין זיין הייליג מויל, כדי ער זאל אביסל אריינעמען אין זיך פון די פליסיגקייט.

אבער צום וואונדער פון אלע אנוועזנדע, האט ער אנשטאט צו ציען פונעם שטרוי און נאס מאכן זיין קערפער, האט ער די גאנצע צייט אוועקגעשטופט דעם שטרוי פון זיינע ליפן, און עס אויסגעשפיגן פון זיין מויל. זיין זון האט נישט פארשטאנען פארוואס ער איז פאר'עקש'נט נישט צו טרינקען, און האט ווייטער פראבירט אריינצולייגן דעם שטרוי אין זיין מויל – ער לייגט אריין און דער טאטע נעמט ארויס... און אזוי ווייטער.

ביז דער שטרוי איז ענדליך אינגאנצן אוועקגעגאנגען פון זיין מויל. אין דער זעלבער רגע האט דאס געזיכט פון רבי זונדל הצדיק אויפגעלויכטן, און האט גלייך מיט גרויס כוונה ארויסגעזאגט די ברכה שהכל נהיה בדברו! און דעמאלטס האט ער רואיג געטרינקען פונעם געטראנק וואס זיין געטרייער זון האט אים דערלאנגט.

ווייל אויך אין א מצב פון פארשלאפנקייט האט ער נישט אויפגעהערט פון זיין דביקות, און ער איז נישט געווען אימשטאנד אריינצונעמען א געטראנק אין זיין מויל אן צו מאכן א ברכה!

"וּלְדָבְקָה בוֹ"!

מוקד הזמנות ספרים
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח
מכון טיב

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173